№ Инвент. 586
Бергельсон

ד. בערגעלסאָן.

# דער טויבער

(ערצעהלונג).

Юрьевъ * для изученія еврейской исторіи и литерат.
Библиотека академическ. фербайна

קונסט־פערלאג
קיעוו

# I

אין אָנהויב הערבסט איז עפּיס ווידער פאַרגעקומען צווישען מענדלען, וואָווע־ביק'ס וואוקסיגען און שעהנעם בחור, און צווישען אסתר'ן, דעם טויבענס 22 יאָהריג מיידעל, וואָס איז אַ קעבין ביים ביק געוועזען. מען האָט וועגען דעם גערעדט אין שטאָדט ביי די מאַרק־קלייטען און ביי וואָווע ביק אין דער גרויסער ביטל־מיהל, וואו דער טויבער האָט אומעטום געשטופּט זיינע אָנגעשטריינגטע פאַרשטאָפּטע אויערען און געקוקט מיט חשד אויף יעדען מענשען, וואָס האָט נישט וויים פון איהם אַ שמייכעל געטון. און דאָך איז איהם אַ שטיק צייט נישט געראָטען אַ וואָרט האַפּען.

מענדל האָט זיך נאָך אַליין פרייהליך געוועךטעלט מיט יונגע־לייטלעך מוכרי־תבואה'ניקעס, וואָס האָבען אין מיהל וויייץ געבראַכט, און זיי מיט אַנ'עלענבויגען אין דער זייט געקיצעלט:

— הער נאָר, דו, ווייסט, וואָס מאַקס נאָרדוי זאָגט?

און געמיינט האָט ער דערמיט, ווי אַלע מאָל:

דו ווייסט, וויפיעל איז אין אַ רובל פאַראַן קאָפּקעס?

ס׳איז אויף אים גאָר ניט קענטיג געווען.

אליין איז ער ניט לאַנג מיט נייע גלאַנצענדינע שטי־ וועל פון דער קרייז־שטאָדט געקומען און, אַרומדרייהענדיג זיך אין מיהל־הויף, זיך אין זיי געשפּיגעלט. אַלע מאָל האָט ער דאָרט אָפּגעשטעלט דעם יונגען מיהלנער, שולצ׳ן, און צו אים געוואונקען:

— ווי געפעלען זיי דיר, מיינע שטיוועל, אַ?

און שולצ׳ן, דעם ערנסטען דייטש, איז נישט נמאס געוואָרען אַלע מאָל פּורעים פאַלען און די נייע שטיוועל אויף מענדל׳ס פּוס גלעטען.

אזאַ גרויסען געפיהל האָט שוין שולץ אָט אין די גלאַנצענדיגע שטיוועל געהאַט, און אַזאַ אייזערנער יצר־הרע איז שוין אין אים פון טאָג צו טאָג צו זיי געוואַקסען.

ער האָט זיך אפילו נישט געפוילט אָט דאָ אייפּ׳ן אָרט ביי מענדלען אַ שטיוועל אַראָפּשלעפּען און אים אויף זיינעם אַ פּוס אָנמעסטען.

דאָס אַלעס האָט דער טויבער געזעהן דורכ׳ן פענ־ סטער פונ׳ם העכסטען מיהל־שטאָק, וואו ער האָט דעמאָלסט ביי דער הויב־מאַשין געאַרבייט, געזעהן בגנבה און זיך אַלע מאָל אַרומגעקוקט, צי עמיצער אַנאַרבייטער קוקט אים נישט נאָך.

אסתר האָט אַלע טאָג מענדלען עסען פון שטאָדט געבראַכט. נאָכדעם האָבען זי שולץ מיט מענדלען מיט די אויגען פון מיהל־הויף אַרויסבאגלייט; מענדל האָט געשוויגען און פאַרקלערטערהייד צוגעשמייכעלט און שולץ, דער מיהל־ נער, האָט אויף אסתר׳ס פּלייצעס געוואונקען און מענדלען דוקא אויף אַ מיאוס־מקום געקיצעלט. און האָבען דאָס ערגיץ־וואו אַרבייטער פון מיהל דערזעהן, אַזוי האָבען זיי באַלד שוין אַלע די מיהל־פענסטער באַקלעפּט:

— אַנו לאָז, לאָז נאַר.

איהם, דעם ברייטביינינגען טויבען מיט'ן איבערגע־שראָקענעם, אָנגעשטריינגטען פּנים, האָט דאָס אַזוי געשמאַ־כען און אַזוי שטאַרק האָט זיך איהם געוואָלט וויסען וועגען וואָס די אַרבייטער לאַכען. איז ער אָבער מורא'דיג־טויב געווען, און געשעמט האָט ער זיך שוין פאַר יעדער מענשען און פאַר זיך אַליין, קיינעם אין די אויגען נישט געקאָנט קוקען, און אַלץ געטראַכט וועגען מענדלס און שולצ'ס בשותפות'דיגער עבירה, וואָס זיי האָבען אַמאָל געהאַט מיט אַ טראָגעדיג פּויערש מיידעל פונ'ם נאָהענטען דאָרף ריבניצע.

זיי האָבען דאָך טאַקי דעמאָלסט דאָס פּויערש מיידעל ערגיץ איוף אַ צייט משלח געווען.

נאָכדעם האָט איהם איינמאָל אין אַ ווינקעל געטראָפען יוסעלע באַבצים, דער אויסגעדאַרטער כּפול־שמונה'דיגער מיהל־נאַמן, און צו איהם עפּיס לאַנג אין אַ טויבען אויער אַריינגעשריגען. ער האָט געהערט אַ וואָרט איבער צעהן און דאָך האָט ער צו יוסעלען אַלע מאָל מיט'ן קאָפּ גע־שאָקעלט.

— יאָ, יאָ ער הערט.

אַזאַ שעמעוודיגע טבע האָט ער, דער טויבער, שוין געהאַט, געשאָקעלט צו מענשען מיט'ן קאָפּ און זיי פאַר־זיבערט.

— יאָ, וואָס־זשע דען, ער הערט נישט?

צוויי וואָכען כסדר האָט ער יוסעלעס אָפּגעריסענע ווערטער ביי זיך אין טויבען קאָפּ געהאַלטען און ערשט נאָכדעם די מעשה אָקאָרשט אָנגעהויבען פאַרשטעהן:

אַ מעשה מיט צוויי אָפּגעזאָגטע מיהל־אַרבייטער, וואָס האָבען מענדלען געוואָלט אויספּאַטשען און אין די פינסטערע

אָוועגדס אַרומגעשנאָרעט דאָרט, נעבען בּיק׳ס שטוב. האָ-
בּען, הייסט דאָס, אָט די צוויי אַרבּייטער עפּיס בּאמערקט...
ער האָט נאָך אַליין נישט געוואוסט, וואָס די אַרבּייטער
האָבּען בּאמערקט, אָפּגעשטעלט יוסעלען נעבּען מיהל און
צו איהם מיט דער האַנט א מאַך געטון:

— וואָס זאָל דאָס טאַקי בּעדייטען, אָט די מעשה
מיט מענדלען און מיט אסתר׳ן?

דאָס האַרץ האָט דערמאָלסט אונטער זיין בּרייטבּיי-
נענדיגער בּרוסט אזוי שטאַרק געקלאפּט, און געאָטעמט
האָט ער מיט לאַנגע, שווערע אָטעמס. ס׳איז איהם געווען
א בּזיון פאַר יוסעלען.

— זי האָט איהם ליעב, — האָט צו איהם יוסעלע
אויפ׳ן טויבּען אויער געשריגען — זי אסתר, האָט איהם,
דעם בּיק׳ס בּחור, ליעב.

— זי האָט איהם ליעב? — האָט ער בּיי יוסעלען שטיל
איבּערגעפרעגט.

ס׳האָט זיך איהם געדאַכט, אז דער אויסגעדאַרטער
כּפול-שמונה׳דיגער יוסעלע שטיפט, האָט ער דאָס מויל גע-
עפענט און געלאַכט:

— הע, הע, הע...

קיין קול האָט מען פון איהם נישט געהערט, נאָר אַ
מאָדנע-ווילדען בּרום, וואָס האָט זיך געריסען פון זיין פונאַנ-
דערגעצויגענעם מויל. זיינע בּלייקאָלירענע אויגען האָבּען
געקוקט אזוי שפּאָטיש און משונה. ערשט נאָכדעם, ווען ער
האָט בּאמערקט, אז יוסעלע רעדט ערנסט, האָט ער גענומען
ריידען אויף זיין טויבּען אָפּגעריסענעם שטייגער, מאַכענדיג
נישט קיין אויסגעאַרבּייטע העויות מיט איינער א קיילעכדיג
איינגעבּויגענער האַנט און רייסענדיג מיט גוואַלד איינציגע
ווערטער פון זיין בּרייטבּיינענדיגער און קרעפטיגער בּרוסט:

— אָט זאָל זי בײַ איהם, דעם טויבען, א פרעג טון...
ער קאָן זײַ דאָך אויסגעפונדען, דעם ביק מיט זײַן בן...
אַ שפּילבעל?! 20 יאָהר ארבײַט ער שוין בײַ זײַ אין מיהל.
— און זאָל שוין יוסעל זאָגען, ער ווײַסט דאָך, אַ?
יוסעלע האָט מיט זײַן באָזאַפּטיג־קעפּ׳ל געשאָקעלט:
— ער ווײַסט. פאר וואָס דען זאָל ער נישט וויסען?
און איהם, דעם טויבען, האָט זיך אַזוי שטאַרק גע־וואָלט געוואָהרע ווערען, וואָס זאָגען דערויף מענשען, גע־זונטע, נישט קײַן טויבע מענשען. ער איז געגאַנגען אויפ׳ן וועג פון מיהל און צו זיך אַלײַן מיט די הענט געמאַכט.
— אָט, ווען אין בײדע זײַטען פון זײַן גרויסען קאָפּ הײַנגען נישט, ווי צוויי שמאַטעס, קײַן צוויי גרויסע און טויבע אויערען, וואָלט ער חאַפּען דאָ אַ וואָרט און דאָרט א וואָרט.
אין זינען האָט ער געהאַט ארײַנגעהן א מאָל צו איהר אַהין, צום ביק אין קיך, און איהר דאָרט א נייטיג וואָרט זאָגען, נאָר פונקט אין יענער צײַט האָט זיך מיט איהם אַלײַן דער וויסטער אומגליק געטראָפען. ס׳איז איהם שוין, אַ פּנים, אזוי געוועזן באַשערט.

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

## II

געשטאַנען זיינען דעמאָלסט קורצע און וויינענדיגע חשון־טעג.

נאַריש פאַר׳מרה־שחורה׳טע הימלען האָבען געמאַכט פּיסקעס און געוויינט, אויף דער נאַסער און שוואַרצער ערד קוקענדיג. כביכול אַ גוסס באַקלאָגט:

— ווערה איז אונז... וואָס איז פון דיר געוואָרען...

און דאָרט, אין איינזאַמען טאָל, וואָס אַרויס דער שטאָדט, האָבען שיין ביים ביק אין מיהל א קיילעכיגען מעת־לעת די עלעקטרישע לאַמטערן געברענט, זיך טאָג און נאַכט געלויכטען אין טיעפעניש פון׳ם גרויען נעפּל און ווי אויסגעמאַטערטע געלע אויגען געוואונקען צו דער נאָהענטער חשונ׳דיג־געפאַלענער שטאָדט:

— מיר מאָהלען מעהל... מיר מאָהלען מעהל...

אין פייכטען נעפּל איז די פיער שטאָקיגע מיהל איינגע־הילט געווען. רוהיג, ווי פארקלערט האָט זי געברומט איהר אור־אַלטען מאָנאָטאָנישען ברום און זיך געטרייסעלט צוזאַ־מען מיט איהרע פערציג מענשען אַרבייטער. צווישען גערויש און טומעל האָבען מענשען געאַרבייט מעכאַניש און ערנסט־

שטום, ווי די מאַשינען און רעדער, וואָס האָבן זיך אַרום זיי געדרעהט, נישט גערעדט און נישט געקלערט, גלייך ווי בײַ זיי אין מח וואָלטען געלעגען די גרויסע געפּאַקטע מיט ווייץ מיהלשאָפען און בײַ זיי דעם שכל אָפּגענומען:

— די שאָפען זײַנען אַזוי אײַנג מיט ווייץ געפּאַקט... אַ ברירה האָבען זיי? מען מוז מאָלען.

נאָר זעלטען־ווען האָט דער מיהל־געוויש אַ פּלוצ־לינגען ציטער געטון און זיך מיט אַ טרויעריג בת־קול דורכגעשניטען:

סטאָפּ!... סטאָפּ!...

נאָר קיינער האָט זיך אויף דעם נישט אָפּגערופען, און געדאַכט האָט זיך שיין, אַז דאָס בת־קול איז אַ ווײַטס און פערלוירענס, פארבלאָנזשעט געוואָרען אהער, אין אַ פרעמ־דער אומבעקאַנטער וועלט, זוכט עמיצ׳ן און קען נישט געפינען.

א באַרוויסער מיט א גלײַכגילטיג שטויביג פּנים איז דער טויבער געזעסען אין דער אָנגעלאָדענער הויב־מאַשין און זיך אַראָפּגעלאָזען פונ׳ם פערטען שטאָק. עמיצער האָט פארבײַלויפענדיג עפּיס אויף דער הויב־מאַשין באַמערקט, און געגומען שרײַען מיט שרעקליכע און ווילדע קולות:

שטעלט אָפּ! שטעלט אָפּ!

בײַם טויבען אין האַרצען האָט זיך עפּיס אָפּגעריסען, געשווינד אַרײַנגעזאָסען זיך אין מח און דאָרט אַ בליץ געטון מיט אַנ׳איבערגעשראָקענעם געדאַנק:

די שטריק... די שטריק האָט געפּלאַצט.

מיט אַ נערוועזער שנעלקייט האָט ער זיך אָנגעחאַפּט מיט בײדע הענט פאַר דער איבערגעבליבענער גאַנצער שטריק. ער האָט זיך אַזש אָנגעהויבען וואונדערען:

— צי דען וועט ער אין אמת׳ן פון אזא הויכקייט אַראָפּפאלען ?!

נאָר אין דער זעלבער צייט האָט איהם שוין מיט כּח א שליידער געטון אין א זייט. ער האָט געפיהלט, אז ער פאלט, און דאָך האָט זיך איהם געדאַכט, דאָס עמיצער באדוויערט איהם און שעפּטשעט אין איינעם פון זיינע טויבע אויערען:

— צו שפּעט... צו שפּעט...

קיינמאָל האָט ער, דער טויבער, אזא שטיל קול נישט געהערט, זיך איבערגעשראָקען און צוגעשלאָסען די גרויסע בליי־קאָליִרענע אויגען.

שפּעטער, ווען ער האָט די אויגען צוריק געעפענט, זיינען שוין אַרום איהם געשטאַנען פיעל שטויביגע אַרבייטער, זיך אָנגעבויגען צו איהם און געשריגען אין זיינע טויבע איערען.

— וואו, וואו טוט וועה?

מיט א בלאַס, כּמעט טויט פּנים איז ער אויף דער פּאָדלאָגע געלעגען און אַפילו קיין כּח נישט געהאַט אָנצוואַ־ווייזען אויף דער פערוואונדעטער לאָפּעטקע און העבער, אויף דער זייט.

נאָכדעם האָט מען איהם אָפּגעטראָגען אין זיין קליין שטיבל, וואָס אין שמאָלען קלויז־געסל. דער טאַנדייטניק מיט דער טאַנדייטניטשקע, וואָס האָבען ביי איהם אין די צוויי הדרים געוואוינט, האָבען נישט געלאָזט מען זאָל איהם ביי זיי לייגען, האָט מען איהם געלייגט אין אַלטען הילצער־נעם בעט, וואָס אין קיך.

---

דער צוויי־פּנים׳דיגער יוסעלע באַבציס האָט בײַ זיך אין באַזאָפּטיגען קעפּל נאָך אַלץ חנופה׳דיגע המצאה׳לאַך געהאַט:

זיך פאַר מענדלען אין די אויגען אַ מבטל׳דיגען קראַץ געטון און די מעשה מיט׳ן טויבען צונישט געמאַכט:

— אַנ׳אומגליק אַ גרויסער... דער רוח וועט איהם נישט נעמען, דעם טויבען.

און נאָכדעם געקומען צום טויבען אין קיך און אין זײַנע אויערען געשריגען:

— וואָס־זשע? געזונטערהייד האָט ער געקלערט פון ביק׳ס ידים אַרוים?

און צוליעב וואָס האָט איהם אָט דער צווייענדיגער חנופה־גאַנג גענוצט?

איהם אַליין האָט דאָך שוין אמאָל דער ביק חושד געווען אין אַ מיאוס׳ער גנבה. איינמאָל אום ווינטער האָט ער איהם אַפילו אַראָפּגעשלײַדערט מיט אַלע כּחות פון די שטיינערנע מיהל־טרעפּ, אַזוי, אַז ער, דער אויסגעדאַרטער יוסעלע, האָט זיך אויף טויט איבערגעשראָקען, זיך אָנגעחאַפּט פאַר׳ן שפּיציגען בלוטפליסענדיגען נעזל און געהליפּעט ווי אַ אידענע:

— אוי... מײַן קאָפּ... ער האָט מיר דער׳הרג׳עט מײַן קאָפּ...

אפשר האָט זיך איהם אַליין שוין אויך איינגעגעסען דאָס חנופה׳דיגע לעבען, און געוואָלט האָט ער שוין זײַן לײַטישער און אמת׳ער, נאָר נישט געקאָנט און האָטש גע־פונען פאַר נויטיג דעם טויבען אַ גוט וואָרט זאָגען:

— ס׳וועט איהם גאָר נישט זײַן, להלוטין גאָר נישט. ער דאַרף זיך נאָר איבערליגען, די לאָפּעטקע מיט דער ריפּ אויסוואַרעמען.

האָט אָבער דער טײַבער קײן חכמות נישט פֿאַרשטאַנען און מרה־שחורה׳דיג נאָכגעשאָקעלט:

— גוט, גוט. ער וועט זיך איבערליגען.

אַליין האָט ער שוין, דוכט זיך, נישט געקלערט, נישט וועגן לעבען און נישט וועגן טויט, געליגען אין בעט מיט אַ גלײַכגילטיג און בלאַס פּנים און זיך אַלץ נישט געקאָנט מסיח־דעת־זײַן פֿונ׳ם אומעטיגען געדאַנק:

— אַראָפּגעפֿאַלען... פֿונ׳ם פֿערטען שטאָק אַראָפּ־געפֿאַלען.

ס׳איז איהם שוין, דוכט זיך, אַלץ אײנס געווען, צי ער וועט אמאָל פֿונ׳ם בעט אויפשטעהן, צי נײן.

נאָכדעם איז אײנמאָל צו איהם געקומען אסתר, געקו־מען אַ שלאַנקע און פֿרישע מיט אַ נײַ און שוואַרץ הערבסט־רעקל און נאָך מיט נײַערע און שוואַרצערע ערנסטע אויגען. אַ ווײַלע איז זי נעבען זײַן בעט ערשטוינט און פֿאַר׳חלומ׳ט געשטאַנען, זיך אַפֿילו געהאַלטען מיט אַ פֿינגער פֿאַר דער געמבע און איהם פֿאַרקלערטערהײד באַדויערט.

— אַ תכלית, אַ שעהנער תכלית איז פֿון דיר גע־וואָרען.

זי האָט זיך אײַנגעבויגען צו איהם, אַ פּנים געוואָלט עפּיס אַרײַנשרײַען אין זײַן טויבען אויער, נאָר זיך נישט אײַנגעהאַלטען און זיך פֿונאַנדערגעווײַנט אויפ׳ן קול. דעם קאָפּ האָט זי אַלץ טיפֿער און טיפֿער אײַנגעגראָבען אין די שמאַטעס, וואָס נעבען זײַן ברוסט, געחליפּעט און גע־ווײַנט. אונמעגליך איז געווען צו וויסען וועמענס אומגליק זי באַווײַנט: זײַנעם, דעם צו־בעט געפֿאַלענעם טײַבענ׳ס, אָדער גאָר איהר אײגענעם, דעם געהײמען און אומבעקאַנטען, ווי יענע פֿינסטערע הערבסט־נאַכט, וואָס אין איהר האָבען די

צוויי אָפּגעזאָגטע אַרבּײַטער נעֶבּען בּיק׳ס שטוב אַרומגעשנאָ־
רעט און עפּיס בּאמערקט.

דער טויבּער האָט געקוקט אויף איהר מיט זײַנע
גרויסע בּלײַקאָליִרענע אויגען און געוואָלט זאָגען עפּיס אַ
נויטיג, זעהר נויטיג וואָרט. א מטושטש׳דיגס און פאַרמלאָזעס
האָט דאָס וואָרט לאַנג אַרומגעשוועבּט אין זײַן קאָפּ:

— יאָ, דער עיקר: זאָל איהר דער קאָפּ אין דער
לופט נישט פליהען, אָ!

ער האָט שוין אפילו געהאַט דאָס מויל געעפענט און
א האַנט אויסגעבּויגען. נאָר אסתר איז שוין פונ׳ם בּעט
אויפגעשטאַנען און גענומען דאָס הערבּסט־רעקל פארקנעפּ־
לען. זי האָט פאַמעליך און טרויעריג מיט׳ן קאָפּ געשאָקעלט,
מרה־שחורה׳דיג אָפּגעזיפצט און אפילו אַ יאוש׳דיגען צמאָקע
געטון מיט׳ן מויל, גלײַך ווי זי וואָלט מיט׳ן צמאָקע וועלען
זאָגען:

— אויך א טאַטע... מ׳שטײַנס־געזאָגט... ווען מען
עצות זי וועט דאָ איסהערען...

---

טאָג און נאַכט האָט שוין נאָכדעם געגאָסען דער
רעגען, געגאָסען אַ רעגעלמעסיגער און סתם־פאַר׳עקשנ׳טער,
גלײַך ווי עמיצער וואָלט איהם בּעטען, ער זאָל אויפהערען
און ער וואָלט נישט פאָלגען און אויף צו־להכעיס זיך הזר׳ן:

ווייל איך אַזוי... ווייל איך אַזוי... ווייל איך אַזוי...

בּרודיגע הערבּסט־טרערען זײַנען גערונען איבּער די
נאַסע פארבּלאָזע שויבּען, זיך געשלײַנגעלט פאַמעליך און
פויל און ענדליך אײַנגעזונקען אין די אײַנגעהויקערטע און
נאַסע קיך־ווענט.

ווער האָט די טרערען בּאַדאַרפט?

אלעס איז אַרום געווען אַזוי ברוגז און בייז, אַפילו דער איינגעהויקערטער און אָפּגעקראָכענער באַק־אויווען, וואָס האָט דעם טויבען טאָג און נאַכט גלייך אין פּנים געקוקט.

אַזוי שטום איז אַרום געווען. דעם טויבען איז אַזש אַ חדוש געווען:

— פלעג ער דאָך אמאָל דערהערען, ווי ביים טאַנדייטניק קלאפּט די נעה־מאַשין.

גאַנצע שעה'ן איז ער געזעסען אויפ'ן בעט מיט אַראָפּגעהאַנגענע פיס, א מרה־שחורה'דיגער און שוויינגענדיגער און געוואָרפען בקשה־אויגען אויף דער טאַנדייטניטשקע, וואָס איז אַלע מאָל אין קיך אַריינגעקומען און זיך אין באַק־אויווען מיט'ן נאסען האָלץ געפּאָרעט.

אַזא קליינינגקייט האָט ער זי געהאַט צו בעטען, און דאָך האָט זיך זיין בלאס אויסגעמאַטערט פּנים, ווי ביי א בעטלער פאַרקרומט:

— אָט ווען זי וויל נאָר א פּאָר ווערטער צו איהם אין טויבען אויער אַריינשרייען, וואָלט ער הערען איך ווי־פּעל ער איז טויבער געוואָרען.

איז אָבער די טאַנדייטניטשקע אַזא פאַרשאָלטענע שלאַנג געווען. אלע מאָל איז זי נעבען זיין בעט דורכגעגאַנגען, זיך אפילו אָנגערירט אין זיינע אַראָפּגעהאנגענע פוס און אפילו איינמאָל איהם נישט מזכה געווען מיט קיין בליק. אזא שלעכטע איז זי שוין געווען, אָט די איינגעדאַרטע טאנדייטניטשקע, און איהר איפּמערקזאַמקייט האָט ער שוין נישט געקענט צו זיך צו־ציהען אפילו מיט זיין בעטלערש פאַרקרומטען פּנים.

אָט, ווען ער שטעלט איהר א פוס'ל אונטער און פאַרהאלט זי נעבען זיך, וואָלט זי אַזש א ציטער געטון פאַר־שרעק און וואָלט זיך גע'חדוש'ט:

— זעה נאָר, ער לעבט נאָך, דער טויבער?!

ס׳האָט איהם פאַרדראָסען אויף דער טאַנדרייַטניצקע, האָט ער שוין אויף איהר מיט בייזע אויגען געקוקט און פאַר כעס עפּיס אונטערגעבּרומט. אזוי פלעג ער אמאָל בייז קוקען און אונטערבּרומען אויף זיין ווייב לאה. זי פלעג זיך דעמאָלסט אויף צו־להכעיס אין די קליידער שלאָפען לייגען, און ער פלעג דערפאַר די שיסל געקעכץ פונ׳ם טיש א האַק טון און זי מיט א מאָל אויף דער ערד א שלייַדער טון.

אסתּר איז איינמאָל אריינגעקומען און זיך לאנג גע־קריגט פאַר איהם מיט דער טאַנדרייַטניטשקע, און ער איז געליגען אין בעט, גאָר נישט געהערט און שוין ווידער גע־טראַכט וועגען יענעם ערנסטען און וויכטיגען וואָרט, וואָס ער האָט זיין אסתּר׳ן באַדאַרפט זאָגען. דאָס וואָרט האָט זיך לאַנג ביי איהם אין טויבען קאָפּ געדרייהט און ענדליך אַרויס א ווייבּס און נאַרישס, נישט דאָס, וואָס ער האָט געקלערט:

— אָ, זעהסטו, ווען זי, דיין מאַמע לשלום, לעבט...

אַרויסגעזאָגט האָט ער דאָס אזוי הארט און שווער, און דאָך האָבּען זיך שוין זיינע אויגען באַלד אָנגעהויבּען שעמען פאַר זיך אליין און פאַר איהר, דער שלאַנקער און אויפגערעגטער, וואָס האָט שוין נישט געדיינקט ס׳אַר׳א פּנים איהר יאָהרען־לאַנג געשטאָרבּענע מוטער האָט געהאַט. זי האָט אויף איהם מיט אזא וואונדער געקוקט, גלייך ווי זי וואָלט ביי איהם וועלען פרעגען:

— צו וואָס נוצט זי איהר איצט, אָט די געשטאָר־בענע מאַמע, וואָס אויפ׳ן אלטען בית־עולם?

זי האָט אַרויסגענומען פון טאַש א שטיקל פּוטער־געבּעקס און איהם געגעבּען. האָט ער דאָס פאַרזוכט, דער־פיהלט דעם געשמאַקען טעם און גענומען דאָס ארומקוקען:

— דער בּיִק ווייסט, וואָס גוט איז.

און פּלוצים איז דאָס נויטיגע וואָרט, וואָס ער האָט אזוי לאַנג געזוכט, פאַרמירט געוואָרען אין א געדאנק:

— ס׳איז קרום... אָט דאָס, וואָס די ארבּייטער האָבּען דעמאָלסט בּיינאכט געזעהן...

— און וואָס נאָך? ער גלויבּט זיי נישט, נישט דעם בּיק און נישט דעם בּן זיינעם. ער גלויבּט זיי לחלוטין נישט.

אין זינען געהאַט פרעגען בײַ איהר אַ נייטיגע זאַך, אין זינען געהאַט דעם גאַנצען וועג און זיך אפילו גע׳חזר׳ט ווי אַזוי אָנהויבען:

— אַ מענש באַדאַרף וויסען... אַ מענש באַדאַרף פאַרשטעהן...

אָבער, ווען ער האָט די דרויסען־טיר פון׳ם ביק׳ס קיך געעפענט, האָט ער דערזעהן, ווי דער וואוקסיגער און ריירעוודיגער מענדל האָט זיך מיט אַ מאָל פון איינעם אַ קיך־ווינקל אַ לאָז געטון און געשווינד אַ פראַל־געטון אין דער צווייטער ווײַסער טיר, וואָס האָט צום ביק אין די חדרים געפיהרט. ער האָט זיך דערשראָקען, דערפיהלט אַ משונה׳דיג האַרצקלאַפעניש און ווידער דאָס נויטיגע וואָרט פאַרלוירען. אין זײַן טויבען קאָפּ האָט אַרומגעבלאָנזשעט אַ חשד:

— מענדל איז אַ מיאוס׳ער בחור... גאָר אַ מיאוס׳ער בחור.

נאָר אסתר איז שוין געזעסען נעבען איהם, געשטופּט איהם אַ געבאַקטע קאַרטאָפל אין האַנט און צו איהם געשריגען:

— געוועזן דאָ ער, נטע דער שרכן.

און דעם טויבענס פּנים איז שוין אויסגעבעסערט גע־ווען, און די בלײַקאָלירענע אויגען זײַנע האָבען שוין עטוואָס שמייכלענדיג געפרעגט:

טאַקי באמת?... דו נאַרסט מיך נישט אָפּ?

עפּיס האָט זי צו איהם געשריגען:

— פיני דעם פאַרבערס בחור יואל׳קען.

דער טויבער האָט אָפּגעביסען אַ שטיקל פון דער הייסער קאַרטאָפל און דאָס אין מויל געהאַלטען. דאָס



Ex bibl. univ. ...

ברייטבאַקעדיג פּנים זיינס האָט זיך ווי פאַרקרומט און ביי עמיצען געבעטען רחמים:

— ס'איז דאָך אָבער זעהר אַ מיאוס'ער שדוך...

זי האָט צו איהם אין טויבען אויער געשריגען:

— יואל'יק איז אַ זשוליק... אַנ'אָרעסער זשוליק.

האָט ער קיינענדיג די קאַרטאָפל איהר נאָכגעשאָקעלט:

— יאָ, יאָ, אַ זשוליק... געווים אַ זשוליק.

## IV

ס'איז דעמאָלסט אַ פּראָסטיגע נאַכט געווען.

דעם טויבען האָט זיך גע'חלומ'ט, אַז ער קוקט אַרויס פון'ם העכסטען מיהל־פענסטער און זעהט ווי אין מיל־הויף יאָגט זיך מענדל נאָך דער גוי'ע, וואָס ראַמט אין קאַנטאָר. די גוי'ע אַנטלויפט מיט שרעק, גליטשט זיך אויפ'ן אויסגע־גאָסענעם אייז און האָט מורא: אָט, אָט וועט זי מענדל האַפּען. און דאָרט בײַ אַ זײַט שטעהט שולין, דער מיהלנער, האַלט זיך פאַר'ן בויך און שרײַט לאַבענדיג: האַפּ זי!.. האַפּ, האַפּ...

און פּלוצים דערזעהט ער, דער טויבער, אַז מענדל יאָגט זיך נישט נאָך דער גוי'ע, וואָס ראַמט אין קאַנטאָר, נאָר נאָך זײַן אסתר'ן. ס'האַפּט איהם אַזש אַ שוידער. אסתר אַנטלויפט, שטרעקט אויס די הענט און שרײַט פאַר פּחד. ווען ער איז נישט טויב, וואָלט ער הערען א האַרצרײַסענ־דיגען קוויטש.

די אויסגעדאַרטע און שלעבטע טאַנדריטניטשקע האָט איהם שוין נאָכדעם אַ גאַנצען פריה־מאָרגען געהאַלטען אין איין שעלטען:

— אַ האָלערע זאָל אויף איהם קומען... בּיזט אַ מבין, ווי ער האָט זיך דאָס אַבּיסל צערעוועט בּייַנאַכט?

זי איז אַפילו צו איהם צוגעגאַנגען און פאַר זײַן אַרבל אַ שלעפּ געטון:

— וואָס, וואָס האָט ער אזוי גערעוועט בּייַנאַכט?

ער האָט זיך גע׳חדוש׳ט און מיט די אַקסלען גע־קנייטשט:

— ער האָט גערעוועט? ער האָט נישט גערעוועט.

אַלײַן האָט ער שוין נישט געדײַנקט נישט דעם חלום, נישט מענדלען און נישט די גוי׳ע. אַרויפציהענדיג אויף די פוס די אַלטע שטיוול האָט ער זיי פון אלע זײַטען באַטראַכט, א קלער געטון, אַז מען דאַרף זיי מיט עפּיס אַ פעטער זאַך אויסשמירען און איז אַוועקגעגאַנגען אין קלויז. דאָרט איז ער לאַנג בּײַ דער הייסער הרובע געזעסען און געטראַכט, אַז ער, דער טויבער, האָט ליבּ וואַרימקייט, אויך האָט ער ליבּ אַ קאָפּ פון א פיש, הייסע און פרישע חלה און אַ שטיקל פעט פלייש, דאָס זעלבע פעט פלייש, וואָס דער בּיק האָט אמאָל פאַר איהם אין די איגען געגעסען.

— דער בּיק ווייסט, וואָס גוט איז.

די קלויז האָט זיך רעגלמעסיג מיט מענשען אָנגע־פולט. אידען געהען אַרום און שמועסען. א וואונדער, וואָס מען דאַווענט נישט. מיט יעדער מינוט קומען אָן נײַע מענ־שען; זיי לויפען אַרײַן מאָרגע געשווינד און מישען זיך אויס מיט׳ן עולם, און דער עולם שלינגט זיי איין און ווערט גרעסער, מעהרער. דער טויבער קוקט מיט זײַנע בּלײַ־קאָליִרענע אויגען און באַמערקט: בּײַ די, וואָס לויפען פון־דאָס־נײַ אַרײַן אין קלויז, זײַנען די פּנימ׳ער דערשראָקען, די מײַלער אָפען און די אויגען מורא׳דיג גרויס. זיי פרעגען, דוכט זיך, בּײַ די, וואָס געפינען זיך אין קלויז: טאַקי?

אמת? יענע שאָקלען צו זײַ מיט'ן קאָפּ, בלײַבען זײַ שטעהן, ווי פאַרגליווערטע און דערשלאָגענע און צמאָקען מיט די ליפּען.

— ס'אַ רחמנות...

מען קוקט, דאכט זיך, אויף איהם. מענשען סוד'ען זיך בינדלאך-ווײַז און וואַרפען אויף איהם משונה'דיגע אויגען, און ער דרײַט זיך נעבען זײַ און רוקט אומעטום זײַן טויבען קאָפּ. מען לאָזט זיך נעהענטער צו איהם. עמיצער ווײַזט אויף איהם מיט אַ פינגער, קוקט ער זיך ארום און באטראַכט זײַנע בגדים: א קשיא, אפשר האָט ער די הויזען ניט ריכטיג פארשפּילעט. מען געהט צו איהם צו און מען שרײַט איהם איפ'ן אויער, ער זאָל געהן אַהין, צו יואָווע ביק'ן, קוקט ער מיט אַזא וואונדער און פארשטעהט ניט: וואָס וועט דעם עולם אַרויסקומען, אויב ער וועט געהן צו יואָווע ביק'ן? ס'געהט צו איהם צו א חשוב'ער איד און שרײַט איהם איפ'ן אויער, ער זאָל געהן צום ביק. באווײַזט ער מיט א פינגער צו זיך אויף דער ברוסט:

— איך? איך זאָל געהן?

ער פארשטעהט גאָרניט און געהט דאָך אַהין, צום ביק, קנײַטשט מיט די אַקסלען און געהט.

נאָר דאָ, פאַר'ן ביק'ס שטוב שטעהען אויך פיעל מענשען. ס'דאַכט זיך איהם, אז דאָס זײַנען די זעלבע, וואָס ער האָט אין קלויז געלאָזען. זײַ שטופען זיך צום ביק אין די חדרים, פון די חדרים אין קיך און צוזאַמען מיט זײַ שטופּט זיך ער — דער טויבער. ער וויל זיך ניט שטופען, ווײַסט ניט צוליב וואָס ער שטופּט זיך און שטופּט זיך פאָרט.

די קיך איז שוין פול מיט מענשען, ס'איז אַזש דאָרט פינסטער — ס'שווינדעלט איהם אין די אויגען, אלעס ציטערט און שאָקעלט זיך געשווינד, ווי די זיפען, וואָס בײַם ביק אין

מיהל. ס'צִיטערן און שאָקלען זיך די קיך, די מענשען אין אפילו דער טאַפּטשאן מיט'ן איינגעצווינגענעם, פאַרבלויטען מת, וואָס צו איהם שטופּט ער זיך, ענדליך צו. אין איין רגע דערקענט ער דעם מת:

— יאָ, ס'איז אסתר, געוויס אסתר.

ער הויבּט זיך אפילו נישט אָן צו וואונדערן. אדרבא, ס'דוכט זיך איהם: ער איז שוין דאָ אַמאָל בּיי אָט דעם זעלבען טאַפּטשאן מיט דעם זעלבען טויטען געשטאַנען. שוין לאַנג איז דאָס געווען, זעהר לאַנג, נאָר ס'איז דאָך געווען. אפילו די זעלבע פּנים'ער מענשען זיינען דאָרטען ארום געשטאַנען און א מרה-שחורה'דיגער ווינטערדיגער פריה-מאָרגען איז דעמאָלסט, ווי איצט, אין דרויסען געווען.

עמיץ טוט איהם פאַר'ן אַרבּל א שלעפּ און ווייזט איהם אויף דער סטעליע. ער קוקט: א שטריק הייננט נאָך דאָרט אראָפּ פונ'ם קרוק. ער פאַרשטעהט שוין, אַז זי האָט זיך געהאַנגען, וויל פרעגען „פאַרוואָס?", פרעגט נישט, און האַפּט א קוק אויף דער אַלטעטשקער אידענע, וואָס שטעהט צוקאָפּענס פונ'ם מת, זי האָט זיך פאַרקרומט, אָט די אַל-טיטשקע אידענע, זיך איינגעהויקערט, געעפענט דאָס ציינ-לאָזע מויל, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ מיט די געשלאָסענע אויגען און זיך פאַרקרומט. זי וויינט, א פּנים, מיט א האַרצ-רייסענדיג קול, נאָר ער איז טויב און הערט נישט. ער פאַרקרומט זיך אויך, וויל אויך וויינען און קאָן נישט. ס'ווערט א גערודער, מען טרייבּט פונאַנדער דעם עולם, דער אלטער חברא-קדישא-שמש שרייט דאָרט בּיי דער טיר:

— נו, געגוג, גענוג. געהט אייך געזונטערהייד.

די קיך ווערט ליידיג. מען טרייבּט איהם אויך, וויל ער נישט געהן. מען שלעפּט איהם פאַר די פּלייצעס, וואַרפט ער ארום זיך אזעלבע שלעכטע אויגען און האַפּט

זיך מיט בײדע הענט פאר׳ן טאפטשאן מיט׳ן טויטען. מען רײסט איהם מיט כח, שלעפּט ער נאָך זיך דעם טאַפּטשאַן מיט׳ן טויטען. מענשען װערען מיעד און לאָזען איהם צורוה. נור ער דערזעהט עמיצען איפ׳ן טיר פון קיך און דערמאָנט זיך אָן הלום, אָן מיהל־הויף, אָן מענדלען, אָן דער גוי׳ע און אָן אסתר׳ן. ער לאָזט אָפּ דעם טאַפּטשאַן און לאָזט זיך ערגיץ לויפען. נאָר באַלד פארגעסט ער װאוהין ער דענקט לויפען, רײסט זיך דאָך אַרויס אויפ׳ן גאס און לויפט גיך, מיט אלע כחות. די שטיװל פארקריכען טיעף, טיעף אינ׳ם אויפגעבלאָזענעם שנײ און ער אָטעמט שװער, פיהלט, װי ס׳לאָזט זיך אויס דאָס חיות און לויפט.

V

דאָס איז געווען אַזוי מאָדנע און ווילד.

בײַם בּיק האָט מען פֿאַרגעסען אויף נאַכט די בּהמה אין שטאָל פֿאַרטרײַבּען, האָט מען זי נאָכדעם גאַנץ=פֿריה מיט אַנ׳אָפּגעשניטענעם עק אין דרויסען נעבּען הויף=טיר געפֿונען. פֿון שטוב זײַנען אַלע מענשען מיט׳ן בּיק בּראָט ארויס. מען האָט די בּהמה אין הויף אַרײַנגעלאָזען, זיך ארומגעשטעלט, זי בּאַטראַכט און זיך מיט ערשטוינטע פּנים׳ער אין די אויגען געקוקט:

— וואָס זאָל דאָס בּאַטײַטען?

דער עק איז מיט אַ שאַרפֿער זאַך געווען אָפּגעהאַקט הויך בּײַם רוקען. פֿונ׳ם פֿאַרוואונדעטען אָרט האָבּען נאָך געטריפֿען טראָפּען בּלוט. אַ מרה=שחורה׳דיגע און אומ=גליקליכע איז די בּהמה געשטאַנען צווישען היימישען עולם, געשטאַנען מיט אַנ׳אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, טרויעריג מיט די גרויסע בּהמה׳שע אויגען געפֿינקעלט און דאַכט זיך גע=טראַכט:

אָט קוקט: אײבּיג, אײבּיג וועל איך שוין קיין עק נישט האָבּען... אַז=אָך=און=וועה איז צו מיר...

עטליכע טעג נאָכאנאנד האָט מען זיך בײַם בּיק אין שטוב די קעפּ געבראָכן:

— וועמענס ארבײַט זאָל דאָס זײַן?

מען האָט פון א זײַט בּליקען אויף יוסעלע, דעם אָפּגעזאָגטען נאמן, געוואָרפען, חושד געווען די צוויי ארבּײַטער, וואָס האָבּען מענדלען אויספּאטשען געוואָלט, זיי אפילו צום אוראדניק גערופען און זיי דאָרט אויסגעפאָרשט. ערשט מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער איז מען אָקאָרשט אויף א סברה געפאלען.

— כ׳בּעט אײַך, אפשר איז דאָס גאָר דעם טויבּענס ארבּײַט?

עמיצער האָט א זאָג געטון גלאט אזוי אין דער וועלט ארײַן, און אלע האָבּען זיך שוין נאָכדעם אָן דעם אָנגעחאפּט. ס׳איז געווען אזוי משונה און נישט צו גלויבּען אויף איהם, דעם וואוקסיגען און ברײטבּײנענדיג טויבּען מיט׳ן צוגעגארטעלטען לײַבּל, אָנגערוקטען שמויסענעם היטל און מרה־שחורה׳דיג גלײַכגילטיגען פּנים, און דאָך האָט מען געגלויבּט, זיך געוואונדערט, נישט פארשטאנען און געגלויבּט:

— א קשיא אויפ׳ן טויבּען? ס׳איז דאָך מיט איהם עפּיס נישט אינגאנצען גלאַט.

אָט האָט איהם אײנמאָל די אויסגעדאַרטע טאַנדײטניטשקע דערצאָרנט, האָט ער איהר אַנ׳אויסגעטוענעם שטיוול אין קאָפּ געוואָרפען, געחאפּט איהרע בּעטען, טישען און בּײנקלעך און זיי מיט כעס אין דרויסען אַרויסגעשלײַדערט.

מען איז דערמאָלסט פונ׳ם גאַנצען שטעדטל זיך צוזאַמענגעלאָפען, געקוקט פון ווײַטענס און מורא געהאט צוגעהן. אײנער האָט דעם צווײַטען איבּערגעגעבּען:

— דעם טויבּען זײַנען די „געפּלוטען" אַרײַן אין קאָפּ. די אויסגעדאַרטע טאנדײַטניטשקע האָט זיך דאָ אַרום־

גערדרײַט, זיך געקלאַפּט מיט צװײ פויסטען אין קאָפּ און געריסען איהר שמאָלען און הײזעריגען האַלז:

— אידען קוקט: א פּאָגראָם מאַכט ער מיר... אַ פּאָגראָם!

און אידען זײַנען געשטאַנען און האָבען געקוקט. ס'האָבען זיך שוין געפונען גוט־האַרציגע קרעפּטיגע קינדער, װאָס זײַנען גרײט געװען אויף דעם טויבען זיך אַרויפװאַרפען, האָט אָבער די טאַנדײַבניטשקע שונאים געהאַט, זײ האָבען געבליצט אויף איהר מיט בײזע אויגען און געשעפּטשעט אונטער איהרע פּלײצעס:

— ניש־קשה, ניש־קשה, זי איז זיך אינ'ם טויבען גענוג נוקם.

און דאָרט, בײַ דער שטוב, האָט נאָך דער טויבער עפּיס אין דרויסען אַרויסגעשלײַדערט און געשאָלטען מיט אַ דערשטיקטען קרעכץ:

— אַ ר — ר — רוח...

מען האָט איהם טאַקי צום אוראַדניק גערופען און זיך בײַ איהם דערפרעגען אָנגעהויבען:

— דו קענסט זי, דעם ביק'ס בהמה?

האָט ער זיך אָבער אָנגעחאַפּט אינ'ם װאָרט „ביק" און דאָס נישט געקאָנט פאַרגעסען:

— יאָ, יאָ, װאָװע ביק.

דעם „אוראַדניק" איז באַלד נמאס געװאָרען און גע־װאָלט האָט ער שוין װאָס גיכער פּטור װערען פון אָט דער װאָוקסיגער און ברײטבײניגער בריה, װאָס קוקט אויף איהם מיט גרויסע אויסגעגלאָנצטע אויגען און „בעבעט" מיט שװערקײַט אַלץ אײן־און־אײנציג װאָרט. האָט אָבער דער טויבער פון איהם נישט געװאָלט אָפּטרעטען, געקראָכען צו

איהם אלץ נאָהענטער און נאָהענטער און אַפּילו געמאכט צו איהם מיט דער האנט:

— וואָווע בּיק... אָ...

עפּיס האָט ער איהם געוואָלט דערצעהלען וועגען אַ בּיטל־מיהל, וואָס האַלט זיך אין איין טרייסלען, וועגען א טאַפּטשאַן מיט א מת און וועגען א קרוק מיט אַ שטריק; געוואָלט דערצעהלען און נישט געקאָנט. ווי אין אַ נעץ, איז ער פארפּלאָנטעט געוואָרען אין דער ערשטער מחשבה וועגען בּיק און זיך פון איהר אַרויסרייסען קיין כּח נישט געהאַט.

דער „אוראַדניק" האָט איהם ענדליך אַרויסגעשטופּט און פארשלאָסען די טיר, און ער איז נאָך דאָרט לאַנג גע־שטאַנען און געטומען, גאָט ווייסט נאָך וואָס, די הויזען איבּערבּונדען. א איד פון שטאָט איז פאַרבּיי דורכגעגאַנגען, האָט ער אין די הויזען פאַרגעסען, זיך געלאָזט געהן צו איהם, שוין אַפּילו אויסגעשטרעקט א האַנט פּאָראויס און איהם אָנגעהויבּען דערצעהלען דאָס זעלבּע, וואָס ער האָט נאָר וואָס געוואָלט דערצעהלען דעם אוראַדניק:

— אָ!... דער בּיק...

דער איד האָט זיך איבּערגעשראָקען און מיט אַ מוראָ'דיג האַרצקלאַפּעניש אַנטלאָפען אָן א זייט, און ער איז געגאַנגען ווייטער צו דער שטאָט־צו און אויסגעשטרעקט די האַנט צו יעדען מענשען, וואָס ער האָט בּאגעגענט. איידען האָבּען פּחד בּאקומען און איהם דעם וועג אָפּגעטראָטען, און ער איז אלע מאָל שטעהן געבּליבּען מיט אַנ'אויסגע־שטרעקטער האַנט און מיט נישט קיין געענדיגט וואָרט:

— אָ!... דער בּיק...

יעדער מחשבה האָט זיך, א פּנים, מיט אָט דעם וואָרט אין זיין געפּרעסטען מח אָנגעהויבּען, נאָר קיינער

האָט נישט געוואָלט הערען אָט די מחשבה, איז ער דער-פאַר בײַם ערשטען וואָרט געבליבען, גלײַך ווי ער מיט אָט דער מחשבה וואָלטען אויף עמיצען געהאָפּט און געוואַרט, אָט וועט ער סוף כל סוף קומען, יענער מענש, וואָס וועט איהם וועלען אויסהערען, וועט ער דאָס ערשטע וואָרט אָפּ-לאָזען און וועט איהם אנטדעקען אַלע מחשבות, וואָס אין זײַן טויבען און געפּרעסטען קאָפּ.

פּאַמעליך איז ער אַזוי פאַרגאַנגען אין קלויז געעפענט די טיר און אַרײַנגערוקט זײַן טויבען קאָפּ. קיינער איז אין קלויז נישט געווען, האָט ער זיך בײַ דער הייסער הרובע געזעצט. אַרום איהם איז אַזוי שטיל און רוהיג געווען. די קלויז-שויבען — מאַט פאַרפרוירען, די סטענדערס פאַר-לאָזען, ווי מצבות פון קדושים, וואָס שטעהען מיט'ן פּנים צו מזרח-זײַט און חאַפּען אַ קוק אַהין, צו גאָט-ברוך-הוא.

חראָפּעט זיך ערגיץ קעגען-איבער דער הייסער הרובע אַ איד אַנ'אָרימאַן, וואָס איז פון די ווײַטע מקומות צופוס געקומען, הראָפּעט פון אַ געשמאַקען בײַטאָגעדיגען דרימעל און חלום'ט וועגען אַ סך, אַ סך אײַנציגע קאָפּיקעס.

און דער טויבער זיצט דאָ מרה-שחורה'דיג בײַ דער הרובע און הערט נישט, ווייסט נישט אפילו צי דאָרט, קעגען-איבער דער הרובע, ליגט אַ מענש. זײַן מח איז אײַנ-געפּרעסט, קאַלט, און געדענקט שוואַך און נעפּלדיג אַ טרוי-עריג געשעהעניש מיט זײַנער אַ פאַרוואונדעטער לאָפּעטקע, מיט אַ טאַפּטשאַן, מיט אַ מת און מיט אַנ'אײַזערנעם „קרוק", וואָס צו איהם איז אַ שטריק צוגעבונ'ען. און אַרום אַלעס דרייט זיך אַנ'אָנגעהויבענע מחשבה מיט נישט קיין געענ-דיגט וואָרט:

— דער ביק... אָ!...

ס'קומט אַרײַן יוסעלע דער נאמן, טוט אויס דאָס

שמויסענע פוטער און זעצט זיך נעבען איהם בײַ דער הרו־בע. פאַמעליך און פאַר'חלומ'ט גלעט ער זיך זײַן שפּיצעכיג בערדל. און דאכטען דאַכט זיך שוין, אז ער קלערט זײַנע תמיד־בײזליכע מחשבות, מחשבות פון א אידען א מטופל, וואָס זיצט אָהן פרנסה. האָט אָבער יוסעלע א נשמה, וואָס עס בערירען זי צײַטענווײַז ווילד־פרעמדע ענינים. ער שרײַט עפּים אינ'ם טויבענ'ס פארשטאָפּטען אויער, און דער טויבער בויגט צו איהם זײַן געפרעסטען קאָפּ און שאָקעלט איהם נאָך:

— געשטאָרבען?... וואָס זשע דען? אַוודאי גע־שטאָרבען.

ער וויל עפּים זאָגען, נאָר יוסעלע לאַכט. ס'פארקנײַט־שען זיך יוסעלעס צוגעשוירענע וואָנסען מיט דער אויבער־שטער ליפּ און ס'בעווײַזען זיך געלע, פאררויכערטע צײַן. יוסעלע שרײַט ווידער, און ער קוקט איהם אין די אויגען. זײַן פּנים איז מרה־שחורה'דיג, די בלײַענע אויגען זײַנען פארגליווערט און אויסגעגלאנצט, דאָך האַפען זײ בײַ יוסע־לען איבערגעריסענע ווערטער און געבען איבער דעם גע־פרעסטען מח:

— דער ביק איז א חזיר... א רײַכע חזיר, נישט־קשה.

ס'דוכט זיך איהם, אז יוסעלע רײצט זיך מיט איהם, און ס'פארדרוסט איהם. נאָר באלד פארגעסט ער, אז ס'פאַר־דרוסט איהם און וואָס ס'פאַרדרוסט איהם און געדענקט נאָר דעם ביקס הויכע און ווײַס־אָפּגעקאַלכטע שטוב מיט איהרע פונאנדערגעוואקסענע אקאַציע־בײמער, וואָס פאר די פענ־סטער, און מיט איהר רײַן בלויען, ווי נאָר וואָס אָפּגעוואַ־שענעם פאַרקאַן.

עס ווערען טונקעל די געקווײַטעלט־פארפרוירענע שויבען. מענשען קומען ארײַן אין קלויז, רוקט ער זיך פאַ־

מעליך ארויס אין דרויסען, פֿאַרלייגט די הענט אין די אַרבל און לאָזט זיך ערגיץ געהן. ער שפּאַנט פּאַמעליך מיט אַנ־אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, נאָר באַלד פֿאַרגעסט ער וואוהין ער געהט, פֿיהלט אפילו נישט צי ער געהט, ווייסט נישט צי אין דרויסען איז זומער, צי ווינטער. אינגעלאַך פֿאַרלאָזען אויף אַ ווײַלע׳ דעם גליטש און לויפען איהם נאָך. עפּיס שרײַען זיי צו איהם, נאָר ער הערט נישט, געהט צווישען צוויי שורות הילצערנע קלייטען און קוקט זיך אויף זיי נישט אום, מענשען קערען איהם אָפּ דעם וועג, און ער באמערקט זיי נישט. פֿון אונטען פֿאָהרט אָן א שליטען. דעם פֿויער איז קאלט, ער פֿוילט זיך נעמען די לייצעס אין די הענט און אָפּקערען, שרייט ער איהם: „בערעגיס!“*). און ער הערט נישט. דער „דישעל“ טוט איהם א קלאַפּ אין די איינגעהויקערטע ברייטע פּלייצעס, האַפּט ער זיך מיט דער האַנט פֿאַר׳ן פֿארוואונדעטען אָרט, קוקט זיך נישט אום און געהט ווײַטער.

ער שטעלט זיך אָפּ ביים בּיק אין פֿינסטערען קאָרי־דאָר און ווייסט נישט וואוהין זאָל ער ווײַטער געהן. די רעכטע טיר, וואָס פֿיהרט אין עס־צימער, איז צוגעמאכט שטייף און פעסט, גלייך ווי זי איז געשלאָסען פֿון אינווייניג. די לינקע טיר, וואָס צו דער קיך, איז עטוואָס אָפּען. א לאַנגע און שמאָלע שיין ציהט זיך דורך איהר פֿון דער קיך, צע־שפּרייט זיך אויף דער פּאָדלאָגע פֿונ׳ם פֿינסטערען קאָרידאָר און רירט זיך נישט. ער שטעלט זיך אין ווינקל, וואָס קעגען־איבּער אַט דער טיר, און רירט זיך אויך נישט, מען געהט מיט א לאָמפּ גיך אדורך און מען באמערקט מיט שרעק א פּאָר אָפּגעריבענע שטיוול־נעזער. ס׳ווערט אַ גערו־

*) „היט זיך!“

דער, און ס'שטעהען שוין נעבען איהם אַלע שטוב־מענשען.
דער ביק אַליין שרייט עפּיס אין זיין טויבען אויער, נאָר ער הערט נישט און טראַכט:

— דער ביק איז א חזיר... אַ רייבער חזיר...
נישט־קשה.

---

און בשעת ער קומט צוריק צו זיך אין שטיבל און שטעלט זיך נעבען טאַנדייטניק ביי דער הרובע, טראַכט ער נאָך אלץ וועגען דעם.

איצט געדענקט ער שוין, אז ער איז געווען ביים ביק אין שטוב און האָט איהם געזעהן גאָר נאָהענט נעבען זיך.

און נאָך געדענקט ער: ער איז אַ טויבער, אַ איד א טרעגער, וואָס האָט אמאָל געהאַט אַ ווייב לאָה מיט א מיידל — אסתר.

ער פארקרומט זיך אפילו און באווייזט דעם טאַנדייט־ניק צו זיך אויף דער ברוסט:

— עסען... ס'קלעמט איהם אָט דאָ, ביים האַרץ־לעפעלע.

און דער טאַנדייטניק זיצט רוהיג נעבען איהם, האַלט א קליין פארשמוצט קינד אין שויס און גלעט מיט א האַנט זיין אומריין קעפּל, זיין קול איז צעקראָכען און מאָנאָטאָניש, ווי דאָס קול פון א אידענע. ער האָט נישט קיין באָרד. עטליכע איינציגע האָר שטעקען אין זיין געמבע און אין דער אויבערשטער ליפּ און שאָקלען זיך, בשעת ער רעדט. ער געניצט זיך פונאַנדער, הויבט זיך אויף און שרייט צום טויבען אין אויער:

— ער איז נישט קראַנק באַצאָהלען, דער ביק...
דאָס ברודיגע קינד פארקרומט זיך, עפענט אַ קליין

צײַנלאָז מיַלבל און פאַרגעהט זיך, און דער טאַנדײַטניק הערט נישט און שרײַט נאָך אַלץ צום טויבען:

— אַ רוח'ן בוק'ס טאַטען!

די טאַנדײַטניטשקע לויפט אָן ערגיץ פון גאַס, האַפּט דאָס װײַנענדיג קינד אויף איהרע קאַלטע איבגעדאַרטע הענט און רײַסט איהר שמאָלען האַלז:

— פאַר אַזא מעשה מעג ער גוט באַצאָהלען, דער בוק... ער האָט אָבער געוואוסט אויף ווען אָנצוטרעפען.

זי שלעפט איהם פאַר דער האַנט און שרײַט:

— טויבער גולם!.. וואָס שווײַגסטו?

נאָר בײַם טויבען זײַנען שוין די געדאַנקען ווידער פאַרפלאָנטעט. ער קוקט גלײַך אין דער טאַנדײַטניטשקעס פּנים און רירט זיך נישט.

אַ שכן, א שנײַדער מיט א ווײַבער און ליבטיגער באָרד, קומט צום טאַנדײַטניק אין שטוב אַרײַן, באַטראַכט לאַנג דעם טויבען און שלעפט פאַר זײַנעם אַנ'אַרבל:

— טויבער, ס'אַר'א טאָג איז הײַנט?

ער איז אַזאַ ווײַבער און גוטיטשקער, אָט דער יונגער שנײַדער מיט דער לאַנגער ווײַבער באָרד. ער וויל אויס־פאָרשען אויף וויפל דער טויבער איז צעמישט, און בײַ איהם אלײַן קלאַפּט שוין אַזוי שנעל דאָס האַרץ, און דאָס פּנים זײַנס, דאָס אײַדעלע, איז שוין רויט, און די אויגען זײַנע שעמען זיך שוין, פינקלען און שעמען זיך: ער ווײַסט? אפשר האָט ער אַ נאַרישקײַט געטון...

נאָר דער טויבער ווײַסט נישט, ווער ס'שלעפּט איהם פאַר זײַן אַרבל, ווײַסט נישט נאָך וואָס מען שלעפּט איהם, ווײַסט נישט צי בײַ דעם, וואָס שלעפּט איהם, איז הײַנט שבת, צי וואָך. אַנ'אײַנגעהויקערטער מיט פאַרבעהאַלטענע הענט פאַרלאָזט ער די שטוב, געהט ערגיץ און ווײַסט

גישט וואוהין, דרייט זיך נעבען דער קלויז און אין מאַרק ביי די קלייטען און דערזעהט פּלוצים, אז ער שטעהט ווידער בײַם בוק אין שטוב. דער בוק שטעהט איהם אַנט־קעגען און שרייט אין זיינעם אַנ׳אויער, אַ שמאַטע:

— וואָס ווילסטו, טויבער?

מען עפענט די טיר און מען ווייזט איהם, ער זאָל זיך נעמען דעם וועג, פאַרלייגט ער ווידער די הענט אין די אַרבל און פאָלגט שוויינענדיג און שטיל.

אגודה אקדמית לתולדות ולספרות העברית
ווריען—דאַרפּאַט
אקאַדעמישער פערײן פיר יודישע געשיכטע און ליטעראַטור

## VI

און ווינטערש-נעפלדיגע מעת-לעת'ן האָבען געגעניצט און געבוירען קורצע און פראָסטיגע טעג. דאָס זיינען נישט געווען קיין טעג, נאָר טונקעלע און מסופק'דיג קאַלטע בין השמשות'ן.

ס'האָט געשאָטען שניי.

גאַניץ-פריה האָט זיך דער טאַנדייטניק מיט דער ווייבס שאַל אויפ'ן גרויסען שמויסענעם פוטער איינגעהילט, זיך אין מאַרק ארויסגעכאַפּט און באַלד צוריק א פארשאָטענער מיט שניי און מיט אַ פארבלוטער נאָז צולויפען געקומען. ער האָט געריבען די פארפרוירענע אויערען מיט די פארשטיינערטע שפיץ-פינגער און דערצעהלט דעם ווייב וועגען דריי פארפרוירענע, וואָס מען האָט ערגיץ נאָהענט אונטער א פארשאָטען דאָרף געפונען.

— יאָ און וואָס נאָך? אידען האָבען זיך אויף אַ יאַריד געלאָזען פאָהרען און זיך קוים לעבעדיגע פון אונטער דער שטאָדט צוריק פארשלעפּט.

אַזוי צופרידען איז ער שוין געווען דערמיט, וואָס ער האָט זיך מיט אַ סך הייצונג פארגרייט, געהאַלטען א שטי-

קעל אַרבּײַט בײַ דער הײַסער הרובּע, געקוקט אויף די פּאַר־בלאָזענע שויבּען און זיך פאַר שמחה אַזש מיט׳ן טויבּען געוויערטלט:

— זיך אין שטוב, טויבּער... דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר?

האָט אָבער דער טויבּער נישט געהערט און זיך דאָס זײַניגע געטון: דאָס קורצע און גראָבּע לײַבל האָט ער איך זיך אַרויפגעוואָרפן, די לענדן זיך שטײַף אונטערגעגאַר־טעלט, דאָס היטל איבּער די אויערן אָנגערוקט און אפילו די טאַנדרײַטניטשקע פון אונטען פאַר איהר קאָפּטל אַ שלעפּ געטון:

— אָט זאָל זי זעהן: ער געהט... אין מיהל געהט ער... צום ביק אין מיהל...

די טאַנדרײַטניטשקע האָט אויף איהם אַזא בײַזען בליק געטון:

— געה... אין דער ערד געה... דערלעב נישט קומען...

און ער האָט צו איהר נאָך אַלץ מיט׳ן קאָפּ געשאָקעלט:

— יאָ, יאָ, צום ביק אין מיהל.

פּאַמעליך איז ער די שטאָדט דורכגעגאַנגען, זיך גע־נומען לינקס און אוועקגעשפּאַנט אהין, אין אײַנזאַמען טאָל, וואו דער שנײַענדיגער שטורם האָט זיך מיט רויך אויסגע־מישט און ארום מיהל אַ קײַליכיגס געהאַפּט.

דער אָנגעפּעלצטער מיהל־סטרוזש האָט איהם דער־זעהן, זיך אויפ׳ן טויער געשטעלט און איהם אין מיהל נישט געוואָלט אַרײַנלאָזען, האָט ער זיך גענומען מיט איהם ראַנ־גלען; ער האָט צעהרג׳ט דעם סטרוזש, דער סטרוזש האָט איהם צעהרג׳עט. מ׳האָט ענדליך דעם אוראַדניק געבראַכט, וואָס האָט איהם צו צוויי גוים אין די הענט איבערגעגעבען.

נאָכדעם איז א פּראָסטינ־שטילע און אויסגעשטערנטע נאַכט געווען.

פאַרטאָג פאָהרט זיך אַזוי שטיל אַן׳אָנגעפּאַקטער שלי־טען מיט דרימלענדיגע אידען, פאָהרט ערגיץ אויף א יאַריד, וואָס אין נאָהענטען שטעדטל. אַרום איז אזוי שטיל. דרי־מעלט זיך אין דער רעכטער האַנט דער פויערשער ביה־עלמין; שלאָפט זיך לינקס וואַייטע ביק׳ס ווייסע שטוב מיט איהר לאַנגען סאָד, און איבער אלעס — אַ פאַרטאָגיגער ריינער הימעל מיט איסגעלאָשענע שטערנדלאַך, וואָס וואו־קען זיך נאָך ערגיץ־וואו דורך וועגען א געהיים נאַכט מעשה׳לע.

אידען פאַרליערען אלע מאָל די פאַרשלאָפענע קעפ און דרימלען איין מיט א פרומען בטחון־געדאַנק:

— אי״ה אַ גוטער יאַריד...

פּלוצים: אַ שנאָרך פון אַן׳איבערגעשראָקען פערד, אַ טראָג דעם שליטען אין אַ זייט מיט אַן׳איבערגעשראָקענעם געשריי פונ׳ם פויער, דעם אָנטרייבער:

— טפּררו!!

אידען דערוואַכען פונ׳ם דרימל מיט אזא מורא׳דיגער שרעק; ביי יעדען פון זיי קלאָפּט שנעל דאָס האַרץ:

— וואָס איז געשעהן?

דער פויער שטעהט שוין פאַר די פערד און שילט זיך מיט נבול־פּה׳דיגע קללות:

— א טשאָב טאָבי... טשוט, טשוט טשילאָוויקא ני פערעאיחאלי!... *)

אידען לויפען געשווינד צום פויער, בויגען זיך אָן און דערקענען דעם טויטען:

---

*) א זאָלסטו... שיער, שיער קען מען נים איבערגעפאָרען.

ער ליגט זיך אַזוי אַנ׳אײַנגעהויקערטער אינ׳ם צוגעגאַרטעלטען וואַטעָנעם לײַבל מיט׳ן אָנגערוקטען שמויסענעם היטל און האַלט א האַק אין דער האַרט־געשלאָסענער רעכטער האַנט.

ער איז נאָך וואַרים, לייגט מען איהם אויפ׳ן שליטען און מען פיהרט איהם אָפּ אַהיים. אַ ברירה האָט מען?

אידען יאַריד׳ניקעס זײַנען אַזוי אומצופרידען, קוקען אויפ׳ן בלאַסען מזרח און קלאָגען זיך:

— פאַרשפּעטיגט דעם יאַריד, ווי איך בין א איד.

---

און אין שטאָדט האָט מען שוין באַלד פּשט לערנען אָנגעהויבען:

— וואָס־זשע, ס׳איז אַ נײַס? דער טויבער האָט פאַרטראַכט דעם ביק הרג׳ענען.

ערגיין האָט זיך שיין געפונען אַנ׳עדות־זאָגער, וואָס האָט דעם ביקס פּחד גרעסער געמאַכט.

אָט ווען איז דאָס געווען? שפּעט בײַנאַכט איז ער אונטער׳ן ביק׳ס שטוב דורכגעגאַנגען און געזעהן: אײַנער אַ מענש דראַפּעט זיך אויפ׳ן הויכען פּאַרקאַן, קלעטערט און דראַפּעט זיך; ס׳איז אויף איהם א פּחד אָנגעפאַלען איז ער אַנטלאָפען.

— און וואָס נאָך: ווער ווייסט ניט, אז דער טאַנדייטניק געפונט אלע גאַנץ־פריה זײַן טיר אָפּגעשלאָסען?

בײַם ביק האָט מען טאַקי באלד אַ געזונטען גוי, אַ סטרוזש געדונגען, וואָס האָט גאַנצע נעכט געקלאַפּט אינ׳ם הויכען פּאַרקאַן; און דער האַלב־דערפרוירענער טויבער איז צוויי וואָכען נאָכאַנאַנד שלאָף געווען, און ווי אַ גולם, זיך געוואַלגערט אין בעט, וואָס אין זײַן נאַסער קוך.

עמיצער האָט זיך אויף איהם דערבאַרעמט און דעם דאָקטאָר אַריינגערופען, א יונגען אויסגערוהטען און גוטיטש־קען דאָקטאָר, וואָס האָט געהאַט קליינע וואָנסען מיט שוואַרצע קלוגע אויגען. ער איז לאַנג געזעסען נעבען איהם, אַט דער גוטיטשקער און אויסגערוהטער דאָקטאָר, לאַנג אַריינגעקוקט אין טויבענס גלייבגילטיגען פּנים און לאַנג אויסגעהערט די מעשה, וואָס די אויסגעדאַרטע טאַנדייט־ניטשקע האָט איהם, רייסענדיג דעם שמאָלען און הייזע־ריגען האַלז, דערצעהלט. אַלעס, וואָס ער האָט געזעהן און געהערט האָט זיך איהם, א פּנים, אויסגעוויזען שרעק־ליך וויכטיג און אינטערעסאַנט. דערפאַר איז ער געזעסען שטיל, פאַרטראַכט און מיט גרויס דרך־ארץ.

און שפּעטער מיט א פּאָר טעג איז ער ווידער גע־קומען, אַט דער זעלבער יונגעטשקער און אויסגערוהטער דאָקטאָר מיט די זעלבע קליינע וואָנסען און שוואַרץ־קלוגע אויגען, און ווידער לאַנג נעבען טויבענס בעט געזעסען.

ער האָט אין טויבענס פּנים געקוקט און געטראַכט;

דער טויבער האָט אין זיין פּנים געקוקט און אויך געטראַכט.

און דאָך האָט איינער דעם צווייטען נישט פאַרשטאַנען. אַזוי ווייט און פאַרשיידען זיינען זיי שוין געווען, אַט די צוויי ברואים, וואָס האָבען זיך גלייך אין די אויגען געקוקט.

דער טויבער האָט זיך טאַקי צום סוף מישב געווען און זעלבשטענדיג געזונט געוואָרען, אָהן א שום הילף פון א מענשען, וועגען וועלבען ער האָט שוין קלערען נישט געקאָנט.

ס'איז אַזוי מערקווירדיג געווען:

אַליין איז ער אפשר נאָך קרעפּטיגער און געזונטער,

ווי פאר דער שלאַפקייט געוואָרען און דאָך איז איהם אַ מיאוסער פעהלער פארבליבען:

ער האָט אויפגעהערט שלאָפען בײַנאַכט.

א הויכער, ברייטביינענדיגער און גלײַכגילטיגער האָט ער אין שטוב ארומגעבלאָנזשעט און געשוויגען צוזאַמען מיט די שטילע און פינסטערע נעכט.

אזוי לאַנג און פינסטער זײַנען די נעכט געווען, און איינגעהילט האָבען זיי אין זייערע טונקעלע טיעפקײַטען די גאנצע פאר׳חלומ׳טע וועלט, און פארשלייפערט האָבען זיי אַלעס, וואָס האָט געלעבט און געטראַכט, חוץ איהם דעם אייגנציגען וועלט-דופק, וואָס האָט נישט געטאָרט רוהען, נישט געטאָרט אפילו טראַכטען וועגען רוה.

הין און צוריק האָט ער איבער׳ן קליינעם שטיבל ארומגעשפאַנט, געקלאָפּט ווי אנ׳אומרוה און געטראָגען אויף זיך די יסורים מיט דער מרה-שחורה פון די שלאָפענדיגע. ער איז נישט געווען מיעד און האָט נישט געטראַכט וועגען רוה. אָט ווען עמיצער זאָל איהם געווען בײַ דער האַנט אָנהאַפען און איהם אָפּשטעלען, וואָלט ער זיך, נישט ארומ-קוקענדיג, אויסגעריסען פון איהם און וואָלט ווידער געשפאַנט.

וואַרפט זיך אמאָל אין מיטען דער נאַכט דער טאַנ-דייטניטשקעס קליין קינד דורך, לאָזט אַרויס פריהער עטליכע קרעכצען און נאָכדעם א געוויין.

די טאַנדייטניטשקע חאַפט זיך מיט א שטאַרק פאר-שלאָפען פנים פונ׳ם בעט אויף, הויבט עטוואָס אויף דעם שווערען דרימעלדיגען קאָפּ און שטילט דאָס קינד איין:

— נו שלאָף, נו שלאָף.

זי רעדט מיט אַזא פארליגערט קיל, דערהערט, ווי דער טויבער שפאַנט דאָרט אין צווייטען חדר און שעלט איהם:

— א קרײַנק איהם... עס נעמט איהם קײַן קויל ניט.

נאָר דער טויבער הערט נישט און שפּאַנט ווידער, אַזוי הארט און פעסט זײַנען זײַנע טריט, און די נאַכט איז אַזוי שטיל און שלינגט זיי אײַן שטיל און פאַמעליך, אָט די הארטע און פעסטע טריט, און וואַרט אויף נײַע. און באַלד קומען זיי, אָט די נײַע שווערע טריט און קלאַפּען, ווי מיט א האַמער, אין פערשלאָפענעם מח. אפשר דערפאַר, וואָס די נאַכט איז שטיל און קײַנער א חוץ דעם טויבען שפּאַנט נישט, ווײַזט זיך שוין אויס, אז דער טויבער וועט זיך אײביג, אײביג ארומדרײַהען און אז די נאַכט וועט זיך אײביג, אײביג ציהען. די טאַנדײַטניטשקע דערשרעקט זיך פאַר דער מחשבה, דעקט איבער דעם קאָפּ און שלאָפט אײַן מיט אַנ׳אַלטבאַקאַנטען קינדערשען פחד. אַלעס שלאָפט שוין אין איהר, נאָר אינ׳ם דרימלענדיגען מח דרײַט זיך נאָך ארום אַנ׳אָפּגעריסענע פאַרליגערטע קללה:

— א קרײַנק!... א חאָליערע...

---

דער טאַנדײַטניק האָט זיך אײַנמאָל אין א בלאַסער נאַכט פון שלאָף דורכגעוואָרפען, דעם טויבען שפּאַנען ניט געהערט און גלאַט אזוי א טראַכט געטון:

— אפשר האָט איהם שוין דער רוח גענומען?

און דער טויבער איז דעמאָלסט בײַ זיך אין בעט געלעגען און שטיל און אָהן אַנ׳אויפהער געקלאַפּט מיט די פיס אין דעם ווענטל פונ׳ם בעט. ער איז ניט שלעפעריג געווען, נישט געוואוסט צי פאַר דער נאַכט איז א טאָג געווען און צי נאָך דער נאַכט וועט נאָך עפּיס זײַן.

עפּיס האָט פון דרויסען דורכ׳ן פענסטער ארײַנגעקוקט, האָט זיך דער טויבער אויף די קניהען אוועקגעשטעלט און

גענומען קוקען אין פענסטער. א בהמה איז דאָרט געשטאַ=
נען א מרה=שחורה׳דיגע און אנ׳אומגליקליכע און אינווייניג
אריינגעקוקט. באלד האָט ער די בהמה דערקענט.

— וואָווע ביק׳ס בהמה...

געשווינד האָט ער די האַק געחאפּט און איז אין דרויסען אריים. א בהמה איז דאָרט געשטאנען, געשלעפּט נאסע שטרוי פונ׳ם נידעריגען דאך און זי פאמעליך, פאמע=ליך געקייעט מיט גלייכע, שטומפּיגע ציין. זי האָט איהם דערזעהן, די בהמה, און פון דער „סטריכע" אוועקגעגאַנגען, איז ער איהר נאָכגעגאנגען פאמעליך, נישט געאיילט. ארום איז שטיל און פוסט געווען, א נאסער ווינט האָט זיך אין דער בלאסער נאכט ארומגעטראָגען און גלאט אזוי קונצען געמאכט; פון א נאָהענט איינגעהויקערט שטיבל האָט ער איינציגע שטרוי פון דאַך ארויסגעריסען און זיי איבער׳ן אָפּגעלאָזטען ברודיגען שניי פונאנדערגעבלאָזען; און אויף די ביימער, וואָס ביי א רייכען בעל הבית׳ס א שטוב האָט זיך אָט דער נאסער ווינט ארויפגעחאפּט און מיט זייערע שפּיצען אינ׳ם אייזערנעם דאך געקלאַפּט. ערגיץ אין צווייטען געסל איז א איד=א סוחר שפּעט פונ׳ם וועג אָנגעקומען און געשמאַק געקלאפּט אין א פענסטער פון זיין דרימלענ=דיגער שטוב. א מהנה הינט האָבען זיך אונטער א נאָהענ=טער שטוב פריינדליך אין די פנימ׳ער געקוקט און זיך מיט די עקען הנופה׳לאך געמאכט. איינער א הונט האָט זיך פון צווישען זיי ארויסגעריסען און זיך אויף דער בהמה מיט׳ן טויבען א לאָז געטון, האָבען זיי אלע נאָכלויפען גענומען. די בהמה האָט לויפען אָנגעהויבען, האָט דער טויבער די האק אויפ׳ן אקסעל פארוואָרפען און זיך געלאָזט נאָך איהר. דער ווינט האָט אָן די שפּיצען פון די ביימער פארגעסען און זיך נאָכ׳ן בינדל געלאָזען. באלד האָט זיך דאָס בינדל

אין בלאסען נאכט-חשבות אויסגעמישט און זיך שוין געשווינד געטראָגען איבער שטאָדט-גריבער, קליינע טאָלען און מיסט-בערגלאך.

---

און גאנץ-פריה האָבען אידען דעם טויבען א טויטען געפונען און נעבען איהם — פעסי דער מילכיגערס גע-הרג'עטע בהמה.

זי האָט אזוי געוויינט, אָט די פעסי:

אדרבה, זאָלען אידען זאָגען, וואָס איז זי דאָ שולדיג...

זי האָט נישט געקאָנט ענדיגען און זיך פאר הארצ-וועהטיג פונאנדערגעחליפּעט. און אידען זיינען דאָ פאר-קלערטע געשטאנען און געשוויגען.

אגודה אקדמית לתולדות הספרות העבריות
דאָרפּאַט
אַקאַדעמישער פאַראיין פיר יודישע געשיכטע און ליטעראַטור